# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת מקץ, שבת חנוכה, א' דראש חודש טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 14 (529)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:10
מוצאי שב"ק.....................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שמואל-ב כ"א-כ"ב
בבלי........................תענית כ"ב
ירושלמי...................גיטין נ"ד
תוספתא.....................סוטה ז'
רמב"ם.........פסולי המקדשין י'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכָל הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה לִשְׁבֹּר אֶל יוֹסֵף כִּי חָזַק הָרָעָב בְּכָל הָאָרֶץ, דִי גַאנְצֶע לַאנְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף קוֹיפְן עֶסְן, וַוייל דִי הוּנְגֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. מֶען זֶעט אִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְ'ן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", אוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הוּא 'הַמַּשְׁבִּיר' לְכָל עַם הָאָרֶץ", פַּארְוָואס רוּפְט עֶס דִי תּוֹרָה מִיט דֶעם לָשׁוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ זַאךְ, גֵייט דַאן אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אוֹיגְן אַן "אוֹר יָשָׁר", אַ שְׁטְרַאל פוּן זַיין אוֹיג צוּ דִי זַאךְ, אוּן דַאן קוּמְט צוּרִיק אַן "אוֹר חוֹזֵר", דִי בִּילְד פוּן דִי זַאךְ קוּמְט צוּרִיק צוּ זַיין אוֹיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם זֶעט עֶר עֶס. אֵיידֶער דִי זַאךְ וֶוערְט גֶעזֶען, הָאט עֶס נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, אוּן וֶוען דֶער אוֹיג זֶעט עֶס, בַּאקוּמְט עֶס אַ גְבוּל אוּן זְמַן; וָואס דִי זַאךְ אִיז, וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז, וֶוען דָאס אִיז, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אַז דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּטָּחוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַלֶעמָאל אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז אַ זַאךְ וָואס עֶר דַארְף שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן, וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים עֶרְשְׁט אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר אַרוּם; וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶער בִּטָּחוֹן, עֶר קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גְבוּל אוּן אַ זְמַן פַאר דִי הַשְׁפָּעָה, אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אִים אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה, ט"ו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בִּטָּחוֹן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן זַיין עֶסְן "בְּעִתּוֹ", אִין דִי צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

חֲזַ"ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה ב', י"ז) אַז סְ'זֶענֶען דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג, סְ'אִיז דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ צְוָואנְצִיג טֶעג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דָאס הֵייסְט אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער צוּמָאל קֶען נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי 'גַאנְצֶע' אוֹיגְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע הִילְף מִיט אַ זַייטִיגֶע אוֹיג, נָאר זַיינֶע גַאנְצֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן, דַאן בַּאקוּמְט עֶר זַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

נָאךְ אַ סְגוּלָה זֶעט מֶען אִין דֶעם פָּסוּק, וַוייל דָאס וָוארְט "יְשַׂבֵּרוּ" קֶען מֶען אוֹיךְ לֵיינֶען מִיט אַ "שׂ", מִיט דִי פִּינְטְל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, "יְשַׁבֵּרוּ", וָואס מֵיינְט "צֶעבְּרֶעכְן", וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אִים צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס דָארְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָּר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער מַצְלִיחַ צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיינֶע אוֹיגְן, "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׁבֵּרוּ'", עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי תַּאֲוָה פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דַאן "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף בֵּיידֶע פְּשָׁטִים, סֵיי אוֹיף הָאפְן אוּן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סֵיי אוֹיף צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מְ'בַּאקוּמְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג זָאלְן מִיר קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאפְן צוּ אִים אַז עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דַאן וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיף רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן עֶסְן, אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מִיר דַארְפְן עֶס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַּארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיב עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֵוייניִגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן קוּמֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. דָא קוּקְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעלְט, וֶוער עֶס הָאט כָּבוֹד, וֶוער עֶס הָאט אַ פַּאלַאץ, אַ טֵייעֶרֶע קַאר וְכוּ' וְכוּ', מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן, אָבֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען קוּקְט צוּ וֶועם לוֹיפְט דֶער מֶענְטְשׁ בְּעֵת צָרָה; דֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, דֶער וָואס פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הַדְרָכָה פַאר אַ בָּחוּר וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט בִּילְדֶער פוּן דַיין בַּר מִצְוָה; אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין קְלוּגְשַׁאפְט, דוּ בִּיסְט יוּנְג אָבֶּער דוּ הָאסְט שֵׂכֶל מֶער פוּן עֶלְטֶערֶע, דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן פַאר אַ פָּשׁוּטֶ'ע בַּר מִצְוָה, עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין גֶעלְט; וואוֹיל אִיז דִיר.

דוּ בֶּעטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַדְרָכָה וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

- דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, גֵיי נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער. טוּ זִיךְ אָן אוּן גֵיי אִין מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה"; בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן מִקְוֶה קַיין אֵיין טָאג.
- יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם; וֶוען מֶען דַארְף זַיין בַּיים לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט אִין צַייט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף זַיין בַּיים דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט, סֵדֶר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.
- וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ זִיךְ מְסַדֵר זַיין אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים. דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין מִקְרָא; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז סוֹף וָואךְ - דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י.
- דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין מִשְׁנַיוֹת; זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים, אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים אִין אֵיין צִי קֶענְסְטוּ עֶס אַיינְטֵיילְן אִין דְרֵיי; זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג אוּן זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט. אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר; קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת, פַארְשְׁטֵייסְט אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.
- אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִים.
- וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט - גֵיי שְׁלָאפְן; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין דִי גַאסְן, גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין חֲבוּרוֹת, גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי.
- זַיי מַקְפִּיד אוֹיף קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. זַיי זִיךְ מַרְגִיל צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בְּנֻסַּח אֲרִיזַ"ל; אָנְהֵייבּ אִיז דָאס שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען טוּט דָאס אַ לַאנְגֶע צַייט אִין אֵיין צִי - וֶוערְט דָאס וְוִי אַ גֶעוואוֹינְהֵייט.
- וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִיק, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. רֶעד צוּ אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ, זָאג אִים וְוִי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין גוּט, וְוִי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי סוֹד וְוִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

>>>>>>

טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## שַׁ'בָּת מִ'ילָה אוּן ח'וֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה ח'וֹדֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵייליכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵייליךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חַזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קַ"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וְוִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵייליךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵייליכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וְוִי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וְוִי עֶר ווִיל, עֶר הָאט דָאךְ פִּילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵייליךְ.

## עֶרְנְסְט אָדֶער פְרֵייליךְ?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט שׁוֹין מִמֵּילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְּרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵייליךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וְוִי אַרִיבֶּער גֵיין. מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוועְנְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וְוִי מֶען ווִיל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵייליךְ". דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל וְוִי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵייליךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וְוִי אַזוֹי דִי מַצָּב

<<<<<<

<<<<<<
אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' בְּרָכָה וּקְלָלָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַ מַתָּנָה אַ 'טָאג', אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשנ"ט, שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ג עֶרֶךְ וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ שִׂמְחָה)

## פַּאטְשְׁן אוּן שְׁמֵייכְלֶען

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּילְד וָואס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ אַפָּאר טֶעג פַאר'ן הִסְתַּלְקוּת אִין שְׁפִּיטָאל אוֹיפְ'ן בֶּעטְל, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעפַּאטְשְׁט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס בִּילְד לוֹיפְט מִיר נָאךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִין זַיין לֶעבְּן זִיךְ אָפְּגֶעלִיטְן צָרוֹת צְרוּרוֹת אוּן דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֶעטוּן פַאר דִי אֱמוּנָה; אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְז אוּן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר וֶועלְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אוֹיךְ קֶענֶען פַּאטְשְׁן אוּן שְׁמֵייכְלֶען, זַיין אֱמֶת'דִיג אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים: "קָרְבֵנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, הַט לִבִּי לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ", בֶּעט אִין אִידִישׁ: "טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְף מִיר".

עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּה דָאס לֶעבְּן וֶוען מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז נִישְׁט?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, דִי בְּרִיוו, אוּן דִי גִלְיוֹנוֹת, וָואס הָאבְּן מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ בַּת יְחִידָה, צְווִישְׁן צְוֵויי בְּרִידֶער. אִיךְ בִּין שׁוֹין 22 יָאר אַלְט, מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט פַאר מִיר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אָבֶער אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם וָואס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד.

אִיךְ קוּם נִישְׁט פוּן אַ חֲסִידִישֶׁע גֶעזֶעלְשַׁאפְט, אִיךְ בִּין אָבֶער גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ בְּרֶסְלֶב דוּרְךְ אַ חַבְרְ׳טֶע, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם, אָבֶער זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק.

מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט עֲקְשְׁנ׳עֶן דַוְקָא אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר בָּחוּר, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט דַוְקָא אוֹיף אַ חֲסִידִישֶׁער בָּחוּר, דֶער עִיקָר אִיז נָאר עֶר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מִתְנַגֵּד, אוּן דַאן וֶועט אִים שְׁפֶּעטֶער קֶענֶען מְקָרֵב זַיין צוּ חֲסִידוּת אוּן צוּ בְּרֶסְלֶב. אִיךְ בִּין אָבֶער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אִיז שַׁיָּיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין דֶעם מַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה? דָאס וֶועט דָאךְ מַאכְן דָאס לֶעבְּן, כָּאטְשׁ אִין אָנְהוֹיבּ, זֵייעֶר קָאמְפְּלִיצִירְט.

אוּן דֶער עִיקָר וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער אוֹיבּ בֵּיידֶע זֶענֶען אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן? קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ מַאן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט בִּכְלַל מִיט חֲסִידוּת?

אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ב): "כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפוֹתֵיהֶן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, כָּךְ אֵין דַּעְתָּן שָׁוִין זֶה לָזֶה", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ; דֶערִיבֶּער אֲפִילוּ אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָתָן, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זֶענֶען בְּרֶסְלֶב׳עֶר - וֶועט אִיר נָאכְאַלְץ דַארְפְן שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. מֵיינְט נִישְׁט אַז וִויבַּאלְד אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב אוּן אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָתָן - קוּמְט אוֹיטָאמַאטִישׁ שָׁלוֹם בַּיִת; שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס דִי מִידוֹת, מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מְתַקֵּן זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; נָאר אַזוֹי הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים, וואוּ בֶּעט מֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת? בַּיי: "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה", בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶרְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רע"ז) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶרְד, "כְּמוֹ הֶעָפָר שֶׁהַכֹּל דָּשִׁין עָלֶיהָ", אַזוֹי וִוי עֶרְד וָואס אַלֶע טְרֶעטְן אוֹיף אִיר, "וְהִיא נוֹתֶנֶת לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת", אוּן דֶער עֶרְד גֶעבְּט צוּרִיק נָאר גוּטְס, "אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְזָהָב וְכֶסֶף וַאֲבָנִים טוֹבוֹת", עֶסְן, טְרִינְקֶען, זִילְבֶּער, גָאלְד אוּן דֵיימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער, "הַכֹּל הָיָה מִן הֶעָפָר", אַלֶעס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְד, "כְּמוֹ כֵן אַף עַל פִּי שֶׁהֵם חוֹלְקִים עָלָיו וּמְבַקְשִׁים רָעָתוֹ אַף עַל פִּי כֵן יַעֲשֶׂה לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת, כְּמוֹ הֶעָפָר", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן אִים שְׁלֶעכְטְס - נָאר גוּטְס, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְד, דָאס בֶּעט מֶען: "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה", אִיךְ זָאל זַיין בַּיי מִיר אַזוֹי וִוי עֶרְד; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ טוּן פַאר'ן צְוֵוייטְן נָאר גוּטְס אֲפִילוּ מֶען טְרֶעט אוֹיף מִיר.

צְוֵוייטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וֶוען בֵּיידֶע טְרַאכְטְן דִי זֶעלְבֶּע, דָאס אִיז נִישְׁט שָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ') שָׁלוֹם אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בֵּיידֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר דֶער צְוֵוייטֶער מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", וָואס דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אִיר זָאגְט אַז אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי"ן, אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב, וָואלְט אִיר שׁוֹין גֶעדַארְפְט וִויסְן וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב; בְּרֶסְלֶב אִיז שֵׂכֶל, בְּרֶסְלֶב אִיז טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מִצְווֹת, קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע – דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוינִיגֶער; אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט יֶעדֶע סָארְט שִׁידוּךְ: חֲסִידִי"שׁ, לִיטְוִוישׁ, יֶעקִישׁ, אַשְׁכְּנַזִי"שׁ אוּן סְפַרְדִי"שׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן, כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן צַייט, מֶען דַארְף הִיטְן דִי צַייט, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק זָאגְנְדִיג: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזוֹינְס?!' אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ' זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ', אַלְץ מִיט דִי כַּוָּונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ', מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַּארְשׁוֹין אוּן מֶען כַּאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, אוּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

וַוארְטְס נִישְׁט אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, אוֹיף אַ חַסִידִי"שֶׁער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## ליכטיגע חנוכה טעג אין ישיבה

די געהויבענע טעג פונעם יום טוב חנוכה, ווערן אויסגענוצט געווארן אין ישיבה מיט א שטארקייט, די בחורים לערנען זייער פלייסיג, ניצנדיג די השפעות פונעם הייליגן יום טוב אויפ'ן בעסטן פארנעם.

ביי די שיעורים אין חנוכה האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך ארומגערעדט פון די חיזוק וואס מיר קענען ארויסנעמען פון די נסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט די אידישע קינדער בימים ההם בזמן הזה, ווי אזוי די קליינע הייפעלע פון די הייליגע חשמונאים האבן באזיגט די גרויסע און מעכטיגע מיליטער פון די יוונים, ווי אזוי זיי האבן צוריק אויפגעבויעט דעם צעבראכענעם בית המקדש, און כאטש וואס די יוונים האבן מטמא געווען אלע אויל, האט דער אייבערשטער אבער געהאלפן אז מ'האט געטראפן א קליין קריגעלע אויל וואס איז געווען גענוג נאר פאר איין טאג, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז ס'האט געברענט פאר אכט טעג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז כאטש וואס ס'איז דאך געווען אזויפיל צרות דעמאלט, דער גאנצער בית המקדש איז געווען צעבראכן און טמא, וואלטן דאך די חשמונאים געקענט מאכן אויף דעם א טרויער טאג, האבן זיי זיך אבער זייער געפריידט און געמאכט א פריילעכער יום טוב מיט די קליין ביסל טהור'ע אויל וואס זיי האבן געטראפן. דאס לערנט אונז אז אפילו א מענטש שפירט ביי זיך אז ער איז אינגאנצן צעבראכן און טמא, זאל ער נישט אויפגעבן און אריינפאלן אין א יאוש, נאר ער זאל זיך שטארקן און אויפזוכן דאס קליין קריגעלע טהור'ע אויל וואס ער האט נאך יא, יעדער איד איז פול מיט מצות ומעשים טובים, אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרמון, און מיט דעם זאל זיך דער איד זייער פרייען, ער זאל זיך פרייען אז ער איז זוכה צו עסן כשר'ס, ער היט שבת, ער גייט מיט ציצית, ער טוט אן תפלין, ער האט א בארד און פאות, און אזוי ווייטער האט יעדער איד גענוג און נאך גוטע זאכן מיט וואס ער קען זיך זייער פרייען. און אז ער וועט זיך פרייען מיט די ביסל גוטס וואס ער האט אין זיך, וועט דאס שוין ברענגען אז ער וועט ווערן אינגאנצן גוט. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א ביי די שיעורים ארויסגענומען אסאך התחזקות פונעם יום טוב חנוכה, וואס וועט אונז באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

די גאר הערליכע און אינהאלטסרייכע דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, פול מיט עצות און הדרכות ווי אזוי זיך צו קענען אן עצה געבן אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, און מצליח זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם. זענען שוין היינט ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט. מ'קען הערן די אלע שיעורים אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין [זעט אלע לאקאלע נומערן ביים סוף פונעם גליון] וואס ווערט צוגעהערט טאג טעגליך דורך צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די וועלט.

אויף קול ברסלב קען מען דרוקן 1 פאר אידיש, 1 און 9 פאר עניני דיומא, און דערנאך 4 פאר די חנוכה אפטיילונג, וואו מ'קען הערט פילע שיעורים, דרשות, און מעשיות, לכבוד חנוכה.

**בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים!**

***

# "עצתו אמונה" חנוכה סובסקריבשאן ספעשל

לכבוד חנוכה טוט "קרן הדפסה היכל הקודש" פראקלאמירן א ספעשל; ווען מען שרייבט זיך איין צו באקומען די עצתו אמונה פאר א יאר, וועט מען עס באקומען 4 וואכן בחנם.

א סובסקריבשאן פאר "עצתו אמונה" איז די שענסטע מתנה וואס איר קענט נאר געבן פאר זיך און פאר די קינדער, דאס איז א מתנה פון לעבן מיט אייבערשטן, א מתנה פון לעבן מיט די הייליגע תורה, א מתנה פון וויסן אז מען איז קיינמאל נישט אליין נאר איך האב דעם באשעפער אייביג מיט זיך און איך קען זיך ווענדן צו אים, וואס דאס אלעס וועט זיי געבן א זיס לעבן אויף דער וועלט, און וועט זיי באגלייטן לעד ולנצח נצחים אויף יענער וועלט.

היינט אינעם שווערן דור, ווען מיר גייען דורך אזעלכע נסיונות און פראבלעמען וואס מען אפילו נישט גע'חלומ'ט דערפון אין די פריערדיגע דורות. די גוי'אישע גאס בליטשקעט און רופט דאס יוגנט, עס קען זיך דאכטן ביי פילע יונגע מענטשן כאילו "דארט" געפינט זיך גליק, עס קען אויסזען ווי דארט טרעפט מען ווארעמקייט און ליבשאפט, און ליידער רבים חללים הפילה, פילע אומגליקן הערט מען כסדר ווי עס ווערן פארכאפט אינעם נעץ פונעם סמ"ך מ"ם די שענסטע און בעסטע פון כלל ישראל.

געלויבט דער אייבערשטער וואס האט אונז נישט פארלאזט נאר האט מקדים געווען די רפואה פאר די מכה, שוין פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, ווען די נשמה פון הייליגן רבין איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו באלייכטן די שווערע תקופה פון עוקבתא דמשיחא, דער הייליגער רבי ווייזט אונז דעם וועג אז אנשטאט צו קרעכצן און וויינען ווי ביטער דער דור איז, געבט ער די ווערטער און עצות וואס מאכט ליכטיג אונזער לעבן, און באווייזט אריין צו שיינען די שיינקייט פון אידישקייט און פון אמונה אין באשעפער, די זיסקייט פון תורה ומצוות, און די געשמאק פון פירן א אידיש לעבן אין אונז און אין אונזערע קינדער.

מען זעט טאקע אז מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי ווערן די קונטרסים און בריוו מער און מער פארשפרייט און צוכאפט דורך כלל ישראל. אין די קונטרסים און בריוו פון ראש ישיבה שליט"א, טרעפן זיך אלע דערין אויף א פערזענליכע פארנעם, יעדער שפירט ווי די ענטפערס רעדן צו אים און צו זיינע שאלות און קווענקלענישן - וואס די אלע תשובות זענען געבויט אויף די ווערטער פון מוהרא"ש זי"ע, רבי נתן זי"ע, און דער הייליגער רבי - וואס געשריבן געווארן טאקע פאר אונזער דור וואס שלינגט מיט דורשט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, וואס איז מחזק אונזערע צובראכענע הערצער און היילט אויס אונזערע וואונדן.

טויזנטער שטובער ווערן אויפגעלאכטן יעדע וואך ערב שבת קודש, ווען זיי באקומען די הייליגע קונטרסים "עצתו אמונה" אויף די פאסט, לכבוד שבת קודש, און גיבט אין זיי אריין א חיות, א געשמאק אין אידישקייט, און עצות אויף פילע שוועריקייטן וואס זיי גייען דורך. שרייבט אייך שוין איין, רופט 718-387-2691 עקסטענשאן 3, אדער שיקט אן אימעיל צו subscribe@kerenhadfusa.org און פרעגטס איבער'ן "חנוכה סובסקריבשאן ספעשל".

**להודות ולהלל לשמך הגדול!**

## זייט מתפלל!

**פאר ר' יצחק בן פייגלא**
**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## משניות פארגעלערנט

**כאפט אייך מיט מיט'ן שיעור אין משניות, הערליך קלאר פארגעלערנט יעדער זאל קענען פארשטיין, געשמאק און גרינג**

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 4**

## עצתו אמונה אויף פּאָסט



**סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

**זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן**

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >